# כ׳האָב מלכּה׳לע געזונגען

כ׳האָב, מלכּה׳לע, געזונגען
פֿריי ווי אַ פֿייגל אין פֿעלד:
„איעדער איז אַ מלך
ביי זיך אין זיין געצעלט“.

איצט, מלכּה׳לע, דו שיינע
זע איך דעם טעות איין,
ווייל דאָרט ווו ס׳איז דאָ אַ מלך
מוז אויך אַ מלכּה זיין.

קוים טרעפֿט זיך אָבער, די מלכּה
פֿאָרט קיין סטאַמבול אַוועק
און לאָזט דעם מלך טרויעריק
שטיין ביי דעם וואַסער־ברעג —

איז דער מלך שוין נישט קיין מלך,
נייערט אַן אָרעמאַן
און ער איז רק מקנא
דעם טערקישן סולטאַן.

דערפֿאַר, ווייל זיין מדינה
פֿאַרמאָגט אַזאַ שיינעם פֿאַרשוין,
שענער פֿון שענסטן דימענט
אין זיין גילדענער קרוין.

איך, מלכּה׳לע די שיינע,
איך בין עס דער אָרעמאַן
און איך בין עס מקנא
דעם טערקישן סולטאַן.

און נישט נאָר אים, נאָר אפילו
דעם פויגל, דעם וואָלקן, דעם ווינט,
זיי קענען דיך אַלע דערגרייכן
אין איין רגע געשווינט,

איך שיק מיט אָט די שלוחים
דיר גרוסן אַ יעדע נאכט —
צי האָבן דיר כאָטשבי די חברה
אַמאָל די גרוסן געבראַכט?

אויב יאָ, טאָ שיקזשע מיר תּיכּף
מיט זיי אַן ענטפער צוריק —
דעם פויגל, דעם ווינט און דעם וואָלקן
געטרוי איך פון תּמיד מיין גליק.